בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ**

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַאְרְוָואס רֶעדְט מֶען אִין בְּרֶסְלֶב מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט אִיבֶּעְר'ן צַדִּיק?......א
זָאלְן מִיר גֵיין צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה אָן קַיין מְחִיצָה?..............................ט
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אָנְצוּטוּן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין?.........................י


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאְר'ן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי חָשׁוּבְ'עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט .......א
עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן קֶשֶׁר מִיטְ'ן מְלַמֵּד ........................................ב
נִישְׁט גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְחִיצָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם .ב
שְׁטַאְרְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִיבֶּעְרְצוּטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו אוֹיף עֶנְגְלִישׁ........................................................................ג
בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב בְּנֵי בְּרַק..................................ג
אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין אָנְגֶעטוּן רֵיין ........................................ה
וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן..........................ה
שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין בָּאְרְד ..................................................ו
וִוי מֶער מֶען טוּט, אַלְץ מֶער צַייט אִיז דָא ....................................ז
מַאךְ אַן הִתְעוֹרְרוּת מֶען זָאל הֶעלְפְן אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה וְהֲפָצָה .ז
נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.................................................ח
מִיר לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צְנִיעוּת פוּן דִי דְרֵיי יָאר ......................ח
הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה .........י
זַיי שְׁטַאְרְק אִין לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג ...........................י
אַ שְׁטֶעטְל בּוֹיט מֶען נִישְׁט מִיט עֲשִׁירִים, נָאר מִיט תּוֹרָה .................יא
אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין "הֲפָצָה" ......................................יא
דִי יָאר 'כִּתָּה א'' אִיז קְרִיטִישׁ וִויכְטִיג פַאְר'ן לֶעבְּן ...........................יב

בְּלַייבּ נִישְׁט אִין בֶּעט, אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט פַּארְוָואס אוֹיפְצוּשְׁטֵיין ..יב

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין מַיין צוּזָאג צוּ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל .... יג

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען צוּ זַיין אַ סוֹפֵר סְתַ"ם .......יד

יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ........................ טו

אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם מְלַמֵּד קֶען מַאכְן דָאס קִינְד אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד ........................................................................................... טו

אִיךְ דַארְף הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל פַּאַראמֶעדִיקְס ...................... טז

כֹּחַ הַצַּדִּיק, נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג, נָאר גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם ............. יז

מֶען קֶען זִיצְן אוֹיפְ'ן בָּאס אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד ........................................................................................... יז

אִין אָנְהֵייבּ רוֹדְפְ'ט מֶען, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען נַחַת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ קִינְדֶער ........................................................................................... יח

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין בַּיים יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי נָתָן ........................................................................................... יט

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ טִיטְשֶׁער זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִיטְשֶׁער .. יט

אִיךְ הָאף דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ ..............................כ

הִיט דִי הֲלָכוֹת, אַז נִישְׁט כַאפְּט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ.....................כ

וָואס פַאר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לְכָבוֹד חֲנוּכָּה? ............ כא

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זַיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ .............ככ

בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיּוּת אִין דִי אִינְגֶעלַייט ............................... כג

אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילּוּק צְוִוישְׁן סְפַרְדִ'ישֶׁע אוּן אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע ........................................................................................... כג

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן, רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה ..............כו

אַז דוּ רֶעדְסְט נִיבּוּל פֶּה, קוּם נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה ..............................כז

חַבֶר'ט אַייךְ מִיט פְרֵיילִיכֶע חַבֶר'טֶעס, וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן...........................................................................................כז

שְׁרֶעקְט אַייךְ נִישְׁט, זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ............................................................ כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס רֶעדְט מֶען אִין בְּרֶסְלֶב מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט אִיבֶּערְ'ן צַדִּיק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטוּב, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן אִין בְּרֶסְלֶב וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, בִּפְרַט דֶער עִנְיָן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט פוּנֶעם צַדִּיק מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט. צוּם עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן אַז עֶס אִיז נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים רֶעדְן, אָבֶּער אִין דִי סְפָרִים זֶעט מֶען אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע, לְמָשָׁל דִי לְשׁוֹנוֹת, "דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ זַיין צוּם צַדִּיק", "אַלֶעס וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְכְ'ן צַדִּיק הָאֱמֶת", דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר.

אוֹיךְ הֶער אִיךְ אַסַאךְ פוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט אַוֶועק בְּרֶסְלֶב, "עֶס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער דֶרֶךְ", "יֶעדֶער דַארְף גֵיין לוֹיט זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה", "פַארְוָואס זֶענֶען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ?" "דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע יָא גוּט, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְדְרֵייעְט", אוּן דָאס מַאכְט מִיר פִילֶע בִּלְבּוּלִים.

אוֹיךְ שְׁטֶערְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, וֶוען דִי חֲסִידִים הָאבְּן אִים גֶעשִׁיקְט קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוֹיפְ'ן וֶועג וְכוּ'. פַארְוָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעשְׁטֶערְט צוּ גֵיין קוֹיפְן דִי בֵּייגְלֶעךְ, בַּיי חֲסִידִישֶׁע אִידְן וֵוייסְט מֶען דָאךְ אַז מִיט אֵיין טְרִיט פַאר יֶענֶעם שְׁפָּארְט מֶען אַיין טוֹיזְנְט טְרִיט פַאר זִיךְ. בִּכְלַל מֵיין אִיךְ אַז אִין בְּרֶסְלֶב רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל פוּן חֶסֶד אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת וִוי בַּיי אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן.

בְּקִיצּוּר, אִיךְ בִּין פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אִיבֶּער בְּרֶסְלֶב אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז. דֶער עִיקָר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועל אִיךְ

אֶפְשָׁר גֶעוואוּיר וֶוערְן אַז דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר דֶרֶךְ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַארְפְט לַיידְן אַזוֹיפִיל דֶערְפַאר.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְקְלָארְן דֶעם קָאפּ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אַסַאךְ הָאבְּן דִי שְׁאֵלָה; מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר דָאס גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט נָאר פַאר אֵיין סִיבָּה, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער. אַלֶעס וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר פַאר דִי אֵיין סִיבָּה - מִיר זָאלְן מַכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (בֹּא מב.): "בְּגִין דְּאִשְׁתְּמוֹדְעוּן לֵיהּ", - מִיר זָאלְן ווִיסְן פוּן אִים; מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז עֶר אַלֵיינְס, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, נָאר אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶעבְּן מִיט דֶעם, מֶען דַארְף זוּכְן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן א): "כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר", אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט דַארְף מֶען זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶערְט דַארְף מֶען הֶערְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט אוּן הֶערְט - לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אוּן דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי זוּכְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי הֶערְן זֵיי אוּן זֶעעֶן זֵיי נָאר אֱלֹקוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ד, יח): "וְאֹרַח צַדִּיקִים", דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, "כְּאוֹר נֹגַהּ", אִיז ווִי אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְט, "הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם", עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אַ לִיכְטִיגְקֵייט וָואס שַׁיינְט אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי לִיכְטִיג אַזוֹי ווִי דִי זוּן וָואס שַׁיינְט; דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי זֵיי אַזוֹי קְלָאר אַזוֹי ווִי

דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע לִיכְט.

דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - זֵיי זֶעעֶן נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן זֵיי הֶערְן נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אֲפִילוּ פוּן דִי נֵייעֶס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי וֶועלְט הֶערְן זֵיי נָאר אֱלֹקוּת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נב): "מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", פוּן יֶעדֶע זַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל, "וַאֲפִילוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים", אֲפִילוּ פוּן דִי וֶועלְטְלִיכֶע נֵייעֶס, נֵייעֶס פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, "צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", - הֶערְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צו, ג): "סַפְּרוּ בַגּוֹיִם כְּבוֹדוֹ", פוּן דִי נֵייעֶס בַּיי דִי פֶעלְקֶער - קוּמְט אַרוֹיס כָּבוֹד פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וִויל מִיר זָאלְן אִים זוּכְן אוּן גֶעפִינֶען.

יֶעצְט וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן קוּמֶען צוּ אַ צַדִיק, פוּן זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם צַדִיק; וַוייל צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן אֵיינֶער וָואס זָאל דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז, מִיר אַלֵיינְס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם, מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין פָּשׁוּט'ע אִידְן, וִוי קֶענֶען מִיר בִּכְלַל אָנְקוּמֶען צוּ אַזַא שֵׂכֶל - צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ הִתְקַרְבוּת לְהַצַּדִיק.

אָן אַ צַדִיק אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה, בִּפְרַט דֶער וָואס פַאלְט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אֵיינֶער וָואס לִיגְט אִין תַּאֲוַת נִיאוּף הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, וִוי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וִוי קֶען אַרַיינְגֵיין אִין אַ פַארְגְרֶעבְּטֶע קָאפּ - אֵיידְלְקֵייט אוּן לוֹיטֶערְקֵייט? עֶר טְרַאכְט דָאךְ נָאר עֲבֵירוֹת, עֶר זֶעט נָאר עֲבֵירוֹת, וִוי קֶען אַזַא אֵיינֶער צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר דוּרְךְ אַ צַדִיק; דֶער צַדִיק אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל), דֶער צַדִיק קֶען נֶעמֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַשָּׂגוֹת אוּן דָאס גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר אוּנְז וָואס מִיר זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן שֵׂכֶל קָטָן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע מֶענְטְשְׁן דִי גְרוֹיסֶע שֵׂכֶל, אַז אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָן אַ צַדִיק קֶענֶען מִיר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן אַ צַדִיק זֶענֶען מִיר וָואס מִיר זֶענֶען; מִיר לִיגְן וואוּ מִיר לִיגְן, אִין אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייטְן;

יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיינֶע נְפִילוֹת, אִין זַיינֶע פַארְגְרֶעבְּטְקֵייטְן. דֶער צַדִּיק הָאט רַחְמָנוּת, עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ז) דֶער צַדִּיק אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָן, עֶר הָאט אֱמֶת׳עֶ רַחְמָנוּת; עֶר נֶעמְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצט): "אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי אִם כְּשֶׁמִּתְקָרְבִין לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבַּדּוֹר", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק הַדּוֹר, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט - "זֶה לְעוּמַת זֶה, עָשָׂה הָאֱלֹקִים", אַנְטְקֶעגְן קְדוּשָּׁה אִיז דָא טוּמְאָה, אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט וָואס שַׁיינְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אִיז דָא דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיינְס וָואס פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס אוּן בַּאהַאלְט אַלְצְדִינְג דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת אוּן עֶקְלְדִיגֶע תַּאֲווֹת; תַּאֲוַת נִיאוּף, תַּאֲוַת מָמוֹן, תַּאֲוַת אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, תַּאֲוַת הַכָּבוֹד וְהַשְּׂרָרָה אוּן תַּאֲוַת הַנִּצָּחוֹן וְכוּ׳, דִי אַלֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ צַדִּיק וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אֵיינְס מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְגַאנְצְן נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא; דוּרְךְ אִים וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת.

דֶער צַדִּיק הָאט אַ כֹּחַ, עֶר קֶען נֶעמֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית - אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שי וּבְהַשְׁמָטוֹת): "כַּמָּה צֶלֶם אֱלֹקִים הָיוּ מֻנָּחִים בְּרֶפֶשׁ, שֶׁאֲנִי הוֹצֵאתִים מֵהָרֶפֶשׁ וְהַטִּיט שֶׁהָיוּ שָׁם", עֶס זֶענֶען דָא פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בְּלָאטֶע אוּן הַיינְט הָאבְּן זֵיי אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, "הֲלֹא יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַּי לָהֶם", אִיךְ הָאבּ דָא פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶענוּג גֶעוֶוען פַאר זֵיי, "כִּי גַּם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם", דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית אִיז וֵוייניג גֶעזָאגְט, "שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתֹּר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים", וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע פְּלַאץ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית - וָואלְט מֶען דָאס וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן פַאר זֵיי, "וְעַל יָדִי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזֶה שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים", אוּן דוּרְךְ מִיר

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזֶעלְכֶע צַדִּיקִים אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אִיךְ הָאף אַז עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין דִי זַאךְ פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן 'צַדִּיק', דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר דִיר צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּצוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח ו, ז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): "וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין משֶׁה רַבֵּינוּ. פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִם בְּמשֶׁה הֶאֱמִינוּ - בַּה' לֹא כָּל שֶׁכֵּן", אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנָה אִין משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! "אֶלָּא כָּל הַמַּאֲמִין בְּרוֹעֶה שֶׁל יִשְׂרָאֵל - כְּאִלּוּ מַאֲמִין בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", נָאר דִי תּוֹרָה ווִיל אוּנְז וַוייזְן וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים, וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין משֶׁה רַבֵּינוּ הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וַיַּאֲמִינוּ בַּה', עַיֵּין שָׁם.

בְּנוֹגֵעַ דִי צְוֵוייטֶע בִּלְבּוּל, דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי בֵּייגְל; עֶס שְׁטֶערְט דִיר דֶעם סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין דִי תְּקוּפָה וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב בַּיים גְרוֹיסְן צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיין וָואךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז עֶר גֶעזִיצְן מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּיי סְעוּדַת מְלַוֶּה דְמַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל צְוִוישְׁן זֵיי וֶועם מֶען זָאל שִׁיקְן קוֹיפְן בֵּייגְל אוּן רֶבִּי נָתָן'ס נָאמֶען אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען בַּיים גוֹרָל אַז עֶר דַארְף גֵיין אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְל, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְל פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה. אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, צוּ גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְל?' אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם. עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקְרָאכְן אִין אַ פַארְמַאכְטֶע שׁוּל דוּרְכְ'ן פֶענְסְטֶער, עֶר אִיז אַרוֹיף אִין וַוייבֶּער שׁוּל, גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זָאגְן קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית מִיט מִיר?" עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וְוִי עֶר שְׁטֵייט בַּיי אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער, עֶר הֵייבְּט אָן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ, עֶר קְרִיכְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיף אוּן עֶר פַּאלְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף אַ טְרֶעפְּל, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף הֶעכֶער אִיז עֶר גֶעפַאלְן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אַלֶע טְרֶעפּ בִּיז אוֹיבְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, פְּלוּצְלִינְג זֶעט עֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט אִים דִי וֶוערְטֶער: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת", שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וְוִי עֶר זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ" - אִיז נִישְׁט קַיין צְוֵוייטֶער וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

עֶס שְׁטֶערְט דִיר דִי מַעֲשֶׂה, עֶס זֶעט אוֹיס וְוִי רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן חֶסֶד; חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן חֶסֶד, עֶר אִיז נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם זַאךְ אַז עֶר דַארְף גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאךְ אַזַא בַּעַל חֶסֶד וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יִצְחָק, דֶער טִירָאוִויצֶער מַגִּיד'ס אֵיידֶעם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלח): "קוּק אָן דֶעם אִינְגֶערְמַאן - רֶבִּי נָתָן - עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אַ שְׁטִיק בְּלָאטֶע".

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט רֶבִּי נָתָן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז רֶבִּי נָתָן אִיז אַ שְׁפַּל בֶּרֶךְ אוּן אַן עָנָיו; שְׁפֶּעטֶער הָאבְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעוָואלְט אוֹיסְפְּרוּבִירְן אוֹיב דָאס אִיז רִיכְטִיג, זֵיי הָאבְן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָאס דֶערְגֵיין. אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם צְוֵוייטְן, הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אַז רֶבִּי נָתָן זָאל הֶערְן: "אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, אֶפְשָׁר גֵייסְטוּ מִיר קוֹיפְן אַ בֵּייגְל?" הָאט זִיךְ דֶער אַנְדֶערֶער אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט קַיין כֹּחַ, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ גֵיין שְׁפֶּעטֶער". וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר דִי גֶעלְט, אִיךְ וֶועל דִיר גֵיין קוֹיפְן דִי בֵּייגְל", הָאבְן זֵיי גֶעזֶען אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ גֵיין בְּרֶענְגֶען פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד עֶסְן, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תז).

דָאס וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן בִּשְׁעַתְ'ן קוֹיפְן דִי בֵּייגְל, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וְוִי עֶס פֶעלְט אִים עֶפֶּעס אִין לֶעבְּן; נִישְׁט דָאס טוּן חֶסֶד הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט, עֶס הָאט

אִים גֶעשְׁטֶערְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען דָאס פַארבְּרֶענְגֶען פוּן חֲסִידִים. דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לִיבְּשַׁאפְט, עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן מִיט אַ לִיבְּלִיכֶע נָאמֶען "מַיין נָתָן'לֶע"; אָבֶער וְוִיבַּאלְד רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן דִי פַארבְּרֶענְגֶען וְכוּ' מִיט דִי סְעוּדוֹת וְכוּ', עֶר הָאט דָאס אָנְגֶעקוּקְט וִוי מֶען פַארבְּרֶענְגְט סְתַּם דִי צַייט. עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס צוּ טוּן, עֶס הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט דָאס גֶעוִויסְן: 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' - אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעוֵויינְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּ קוֹיפְן בֵּייגְל", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוֵויינְט אוֹיפְ'ן קוֹיפְן דִי בֵּייגְל, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶס פֶעלְט אִים אַ וֶועג אִין לֶעבְן, עֶר שְׁפִּירְט אַ חִסָּרוֹן אִין לֶעבְן, עֶס פֶעלְט אִים אַ טַעַם אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

יֶעצְט, אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ זֶען אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט דִי וֶועג וְכוּ'; עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס רוּפְט זִיךְ בְּרֶסְלֶב אָבֶער אִיז וַוייט פוּן בְּרֶסְלֶב, וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּלְבּוּלִים.

וָואס וִויל דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי וִויל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען, מִיר זָאלְן דַאוֶוענֶען, מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת - אוֹיף דֶעם הָאסְטוּ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט דִיר זָאגְן דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת? אִיךְ וִויל וִויסְן, דוּ הָאסְט אוֹיךְ מוֹרָא אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועסְטוּ דַארְפְן אָפְּגֶעבְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן? אָדֶער דָאס פַאלְט דִיר נִיטְאָמָאל אַיין, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן עֶנְטְפֶערְן דֶעם שׁוֹמֵר הַפֶּתַח דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע שְׁאֵלָה (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, א): "עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ", הֵייבּ אָן זָאגְן, וִויפִיל חוּמָשׁ הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט? "עֲמֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ", הֵייבּ אָן זָאגְן דִי מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט; טְרַאכְסְט אַמָאל 'וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי פְרַאגֶע?' טְרַאכְסְט אַמָאל 'וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי עֲבֵירוֹת?'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְן גֶעלֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, בַּיי אִים אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁרַייבּ מַיינֶע סְפָרִים נָאר פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט פוּן תַּכְלִית, עֶר טְרַאכְט 'אֵיין טָאג וֶועל

אִיךְ זַיין אַ גוֹסֵס און אַ נִפְטָר, אִיךְ וֶועל לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר׳; אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט נִישְׁט אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן און לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר - אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב אַזוֹי וִוי אַ בְּהֵמָה, וָואס לֶעבְּט, עֶסְט און שְׁלָאפְט און וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער סוֹף אִיז"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְמָאלְן, נָאר נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֶבֶר, דָאס קֶען אִיךְ מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן, וֶוען מֶען וֶועט מִיר אַפִּירְנֶעמֶען, אִיךְ וֶועל דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן - דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן".

ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ טְרַאכְסְט פוּן דֶעם: 'וָואס וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט מִיר לֵייגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר', אָדֶער דוּ הָאסְט נָאר אֵיין דַאֲגָה, אַז אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען אוֹיבְּן אַז לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט דֶער אֱמֶת? מִיר דַארְפְן טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין וֶוען מִיר וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אֶפְשָׁר זֶענֶען מִיר פוּן דִי צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן זֵיי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר און זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר און פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּם טִיר, און דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, און עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר

זִיךְ נִשְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִשְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

...

## זָאלְן מִיר גֵיין צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה אָן קַיין מְחִיצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁוָואגֶער מַאכְט בַּר מִצְוָה אִין עֶטְלִיכֶע וָואכְן, עֶר מַאכְט עֶס אִין אַ זַאל אָן קַיין מְחִיצָה.

עֶר לַאדְנְט אַיין נָאר דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה פוּן זַיין זַייט אוּן פוּן זַיין וַוייבְ'ס זַייט אוּן עֶר ווִיל עֶס מַאכְן מִיט סָאצִיאַלֶע אָפְּזִינְדֶערוּנְג (סָאשֶׁעל דִיסְטֶענְס) דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְט עֶר אוֹיס דִי טִישְׁן לוֹיט דִי מִשְׁפָּחוֹת. אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ וֶועלְן זִיצְן בַּיי אַ טִישׁ מִיט מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אוּן מַיין רוּקְן וֶועט זַיין אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם אִיבְּרִיגְן עוֹלָם. אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען קוּמֶען אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מְחִיצָה.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס צוּ טוּן, זָאל אִיךְ גֵיין מִיט מַיין וַוייבּ, אָדֶער זָאל נָאר מַיין וַוייבּ גֵיין, אָדֶער זָאל קֵיינֶער פוּן אוּנְז נִישְׁט גֵיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן מֶען זָאל יָא גֵיין.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן מִשְׁפָּחָה וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי אָפְּגֶעהִיטְן אִין צְנִיעוּת, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה וְכַדּוֹמֶה קֶען מֶען גֵיין, מֶען קֶען זַיין בַּיי דִי שִׂמְחָה אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאל מֶען נִישְׁט דָארְט זַיין. צוּם בֵּיישְׁפִּיל בַּיי אַ חֲתוּנָה; בִּשְׁעַת דִי חוּפָּה קֶען מֶען זַיין, מֶען ווָאוּנְטְשְׁט יֶעדְן אֵיינֶעם מַזָל טוֹב, נָאכְדֶעם בַּיי דִי סְעוּדָה טְרֶעפְט מֶען אַ אֵיידֶעלֶע פְּלַאץ אוּן בַּיים טַאנְצְן - אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם בְּתַּעֲרוּבוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן זַאל, שְׁפֶּעטֶער בַּיי דִי הַפְסָקָה וֶוען מֶען טַאנְצְט נִישְׁט, בַּאוַוייזְט מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל דֶעם פָּנִים; מִיט חָכְמָה זֶעט מֶען אַז מֶען זָאל

נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת אוּן מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין תַּעֲרוּבוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, דֶער אֵייגֶענֶער גָלוּת, אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

...

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין אָנְצוּטוּן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען אִיךְ הָאב חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז גֶעוֶוען נָאךְ פַּאר אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מַיין טַאטֶע'ס מִנְהָג אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט אָנְהֵייבְּן לֵייגְן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין בִּיז עֶרְשְׁט נָאךְ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, לְמַעֲשֶׂה אַ יָאר נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאט מִיר אַ רָב גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט לֵייגְן קַיין רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין אוֹיךְ נִישְׁט נָאךְ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה.

אִיךְ וֵוייס אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מֶען יָא מַקְפִּיד אוֹיף רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין, אָבֶער אִיךְ הָאב אַבִּיסְל מוֹרָא אָנְצוּהוֹיבְּן לֵייגְן וַוייל אִיךְ זֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען לֵייגְט עֶס שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג, אָדֶער זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִלִּין אוּן לֵייגְן עֶס בִּכְלַל נִישְׁט.

קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּיטֶע גֶעבְּן חִיזוּק אִיךְ זָאל וֶועלְן אָנְטוּן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין? אוּן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס וֶוערְט נִישְׁט מְזַלְזוּל בַּיי מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם אוּן בִּיז וִוילַאנְג דַיינֶע תְּפִלִּין זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט זָאלְסְטוּ בָּארְגְן תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִיר אִיז אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר הֵייבְּט אָן לֵייגְן תְּפִלִּין נָאר רַשִׁ"י, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן גְלַייךְ מִיט בֵּיידֶע תְּפִלִּין - סַיי רַשִׁ"י אוּן סַיי תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תַּם".

וָואס הָאסְטוּ מִיט אַנְדֶערֶע? וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַנְדֶערֶע? אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע אִיז מֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל הַיינְט אִיז עֶס רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין, מֶען לֵייגְט נִישְׁט קֵיין רַבֵּינוּ תַּם - וַוייל אַנְדֶערֶע לֵייגְן נִישְׁט, מָארְגְן וֶועסְטוּ זֶען אַנְדֶערֶע גֶעפַּאלֶענֶע וָואס לֵייגְן נִישְׁט רַשִׁ"י - וֶועסְטוּ זָאגְן 'אִיךְ לֵייג נִישְׁט קֵיין רַשִׁ"י תְּפִילִין וַוייל 'אַנְדֶערֶע' לֵייגְן נִישְׁט', הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פוּן הַיינְט זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אָנְצוּטוּן יֶעדְן טָאג בֵּיידֶע תְּפִילִין, דִי צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם; מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי פוֹילֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן אָן רַבֵּינוּ תַּם דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אִין טָאג, רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם.

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען הָאט צַייט אָנְצוּטוּן נָאר אֵיין פָּאר תְּפִילִין; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד:): "כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין מַאֲרִיךְ יָמִים", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:): "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר, כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ - הַכֹּל בְּחִזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְהַאלְטְן דִי חָשׁוּבְ'עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְּרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי חָשׁוּבְ'עֶ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט.

דֶער כּוֹלֵל אִיז מִיר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאכְן אַרִיבֶּער גֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יָארְן, אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס קֵיינֶער גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט, הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי כּוֹלֵל, אַ כּוֹלֵל וואו אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן; הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ זֵיי גֶעקֶענְט גֶעבְּן מֶער כּוֹלֵל גֶעלְט, זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט.

אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בְּנִין רַבָּנָן, חַתְנְוָותָא רַבָּנָן וְהוּא גּוּפֵיהּ הֲוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:) וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן אִיז זֵיי מְכַבֵּד – וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

...

## עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן קֶשֶׁר מִיטְ'ן מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַז אַייעֶר קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר צֶעווִילְדֶעוֶועט, עֶר שְׁלָאגְט אַייךְ אוּן דְרֵיידְט אִיבֶּער, דַארְפְט אִיר אָדֶער אַייעֶר מַאן רֶעדְן צוּם מְלַמֵּד; מִיר הָאבְּן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע מְלַמְּדִים, זֵיי וֶועלְן בְּעֶזְר הַשֵּׁם הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד.

בִּכְלַל אִיז ווִיכְטִיג צוּ הָאבְּן קֶשֶׁר מִיטְ'ן מְלַמֵּד, זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן כְּסֵדֶר אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען; דִי מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן מִיט מֶער חֵשֶׁק וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אוּן בַּאדַאנְקֶען זִיךְ.

אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן, צוּ טוּן אַלֶעס פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ זוּךְ זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, אָבֶּער דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אַז אִיר אַלֵיינְס אָדֶער אַייעֶר מַאן זָאל רוּפְן וֶועכְנְטְלִיךְ דֶעם מְלַמֵּד אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן אַלֶעס לְטוֹבַת דִי קִינְדֶער.

...

## נִישְׁט גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה וואוּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין מְחִיצָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; פוּן הַיינְט וֶועסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי אַ חֲתוּנָה וְכַדוֹמֶה וָואס דִי מְחִיצָה עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף אוּן עֶס וֶוערְט תַּעֲרוּבוֹת מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, דוּ וֶועסְט גְלַייךְ אַרוֹיסְגֵיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה יָארְן צוּרִיק מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ אַ חֲתוּנָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין. אַ בָּחוּר הָאט מִיר אָנְגֶערוּפְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְלַאטִיג בַּיי דִי חֲתוּנָה, בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מְחִיצָה אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי זֵיידֶעס הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּרִיק צוּ שְׁטֶעלְן דִי מְחִיצָה - זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים אוּן נִישְׁט גֶעלָאזְט. אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן מוֹהֲרָא"שׁ דָאס דֶערְצֵיילְן אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיק

גֶעדְרֵיידְט, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר גֶעהֵייסְן אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ חֲתוּנוֹת וָואס אִיז נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ וִויסְן צוּ וֶועלְכֶע חֲתוּנוֹת אוּן מְסִיבּוֹת צוּ גֵיין; נָאר וואוּ עֶס אִיז דָא אַ פַארְמַאכְטֶע מְחִיצָה מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִיבֶּערְצוּטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו אוֹיף עֶנְגְלִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, מִיטְ'ן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ. דִי מְפִיצִים גֶעבְּן אִיבֶּער אַז מֶענְטְשְׁן כַאפְּן דִי קוּנְטְרֵסִים, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוו; אִיר הָאט אַ טַאלַאנְט פוּן שְׁרַייבְּן גוּט, אִיר בְּרֶענְגְט אַרוֹיס הֶערְלִיךְ שֵׁיין דִי שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב בְּנֵי בְּרַק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵו, ה' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי פְרִישֶׁע חֲבוּרָה טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען צוּ מַאכְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, "בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב בְּנֵי בְּרַק", אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיפְ'ן וֶועג פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס אִיז בַּיי מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן

פְרֵייד.

אַז אִיר וִוילְט מַצְלִיחַ זַיין, אִיר וִוילְט וַואקְסְן - זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אֵיין זַאךְ, גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאכְן, נָאר פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מֶען זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים (עַיֵּין בְּנֵי יִשָּׂשכָר מַאַמְרֵי חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו - טֵבֵת, מַאֲמָר ב - אוֹר תּוֹרָה, אוֹת כא) אַז חֲנוּכָּה וֶוערְט נִתְגַּלֶּה דִי אוֹר הַגָּנוּז פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית; וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט, אַז דִי רְשָׁעִים זָאלְן נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם (חֲגִיגָה יב.), אָבֶּער חֲנוּכָּה וֶוערְט דָאס אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, חֲנוּכָּה אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

מִיר קֶענֶען זָאגְן בְּפֶה מָלֵא אַז חֲנוּכָּה וֶוערְט נִתְגַּלֶּה דֶעם אוֹר הַגָּנוּז; אִיר הָאט גֶעעֶפְנְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין חֲנוּכָּה, מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג חֲנוּכָּה, חֲנוּכָּה הָאט מוֹהֲרָא"ש אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו "אֲשֶׁר בַּנַחַל", וָואס דָאס הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶענוּמֶען דֶעם אוֹר הַגָּנוּז אוּן דָאס אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אַלֶעמֶען, פַאר גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע, אַלֶע זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אָנְכַאפְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן, מַאכְט אַ רִינְג, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת.

אוֹיב אִיר וִוילְט מִיר אוֹיפְנֶעמֶען פַאר גַבַּאי בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ זַיין אֵיינֶע פוּן דִי גַבָּאִים; אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ זַיין גַבַּאי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אַ גַאנְצֶע סִיפּוּר; וַוייל אִין אָנְהֵייב הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל פִירְן דִי יְשִׁיבָה אוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב זָאל אַ צְוֵוייטֶער זַיין גַבַּאי, שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווִיל אַז פוּן הַיינְט זָאלְסְטוּ רֶעדְן אוּן פִירְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוּן פְרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם וָואס צוּ טוּן".

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין אָנְגֶעטוּן רֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי טַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא שֶׁתִּחְיוּ**

גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ זַיין אָנְגֶעטוּן רֵיין; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין.

אִיר וֵוייסְט דִי מַעֲשֶׂה, אַמָאל זֶענֶען מֵיידְלֶעךְ גֶעגַאנְגֶען צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה בַּיי דִי הַייזֶער, דִי וֶועג אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט בְּלָאטֶע אוּן אַלֶע זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן פוּן דִי בְּלָאטֶע, נָאר אָדְל דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט ׳ווִי קֶען זַיין אַז זִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין?׳ הָאט אָדְל זֵיי גֶעזָאגְט: ״מַיין טַאטֶע - דֶער רֶבִּי - הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג, אַז אֲפִילוּ מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁמִירְן״.

אַ מֵיידְל וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, רֵיין אוּן שֵׁיין - אִיז דָאס אַלֵיינְס הַפָּצָה, אַלֶע פְרֶעגְן: וֶוער אִיז דִי מֵיידְל? וואוּ לֶערְנְט זִי? זִי אִיז בְּרֶסְלֶב? בְּרֶסְלֶב הָאט נָארְמַאלֶע מֵיידְלֶעךְ?

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ חֲבוּרָה, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... אוּן ... נֵרָם יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר פָארְט יֶעצְט קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן.

וֶוען אִיר קוּמְט אָן קַיין אוּמַאן זָאלְט אִיר גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן גְלַייךְ גֵיין צוּם

צִיוֹן, גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ אוּן זָאגְן דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוֹן אוּן דָארְט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים (קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ) אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיים צִיוֹן; בַּיים צִיוֹן רֶעדְט מֶען נִישְׁט, בַּיים צִיוֹן עֶסְט מֶען נִישְׁט אוּן בַּיים צִיוֹן רֵייכֶערְט מֶען נִישְׁט. דֶער צִיוֹן אִיז אַ הֵיילִיג פְּלַאץ, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן דָארְט מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן - קוּמְט מֶען מִיט יִרְאָה אוּן הַכְנָעָה, מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן מֶען אִיז זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין בָּארְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער זִיסֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

וֶוען דַיינֶע חֲבֵרִים לַאכְן פוּן דַיין בָּארְד - לַאךְ דוּ פוּן זֵייעֶר נָאז; וֶוען זֵיי מַאכְן חוֹזֶק, זֵיי פְרֶעגְן דִיר: "וֶוען שְׁנֵיידְסְטוּ שׁוֹין אָפּ דַיין בָּארְד?" זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן: "וֶוען שְׁנַיידְסְטוּ שׁוֹין אָפּ דַיין צוּנְג?"

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ, דוּ לִיגְסְט אִין בְּלָאטֶע - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

וָואס אִיז שֵׁיין? וֶוער הָאט גֶעמַאכְט דִי זַאךְ וָואס מֶען רוּפְט שֵׁיין? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; שֵׁיין אִיז דֶער וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, עֶר פָאלְגְט דִי צַדִּיקִים.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## ווי מֶער מֶען טוט, אַלְץ מֶער צַייט אִיז דָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ'עֶ מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, מָרַת ... תְּחְיֶ'**

דִי מֵפִיצִים זָאגְן מִיר אַז זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס בֶּעטְן זִיךְ פַאר דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אִין עֶנְגְלִישׁ; מֶענְטְשְׁן זָאגְן זֵיי אַז וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אִין דִי הַאנְט דֶעם סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק אִין עֶנְגְלִישׁ הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעלֵיינְט אוּן גֶעעֶנְדִיגְט אִין אֵיין צוּ, בְּלִי הֶפְסֵק.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר הָאט גֶענוּג אוּן נָאךְ אַרְבֶּעט, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי סְקוּל, נָאכְדֶעם לֶערְנֶען אוּן בַּאגְלֵייטְן דִי כַּלּוֹת אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, אוּן יֶעצְט גְרֵייט מֶען זִיךְ אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע פְּלֶעי, אוּן אִיר הָאט דָאךְ נָאךְ אַ בֵּית פֵיגָא בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ - אַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דָאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אוֹיבּ אִיר קֶענְט זִיךְ מַאכְן צַייט וַוייטֶער צוּ גֵיין מִיטְ'ן סֵפֶר. עֶס אִיז דָא אַ חֲזָקָה 'ווי מֶער מֶען טוּט - אַלְץ מֶער צַייט אִיז דָא אוּן ווי וֵוייניגֶער מֶען טוּט אַלְץ וֵוייניגֶער צַייט אוּן כֹּחַ הָאט מֶען'.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

...

## מַאךְ אַן הִתְעוֹרְרוּת מֶען זָאל הֶעלְפְן אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה וְהֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס וויל הֶעלְפְן אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְפָּסָה וְהֲפָצָה; מִיר דַארְפְן הָאבְּן יֶעצְט גְרוֹיס גֶעלְט צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ זֶע אַז צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶע אַ זְכוּת צוּ הֶעלְפְן, וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל רוֹב רֵבָּם, רֻבָּם כְּכוּלָּם זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ

הַפְּצָה, וָואלְטְן זֵיי וֶוען גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גֶעפִּיל דֶערְצוּ... זֶעט אוֹיס אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָ' דִי גֶעלְט זָאל אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן זַאךְ.

שִׁיק מִיר אַ בַּארִיכְט יֶעדֶע וָואךְ וֶוער עֶס הָאט אַלְץ מְנַדֵּב גֶעוֶוען פַאר הַדְפָּסָה.

...

## נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פְרַייטָאג גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן מוֹרֵנוּ רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ אִין יְשִׁיבָה.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ גֵיי אִיךְ קַיין לֶעיקְוָואד, מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין לֶעיקְוָואד מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת, מַיִם מְתוּקִים פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה; אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר קֶענֶען טְרָאגְן אַהִין אוּן צוּרִיק, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן.

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בֶּער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוֵויינְט צוּ זַיין רֶבִּי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט אִים רֶבִּי יִשְׂרָאֵל גֶעזָאגְט: "דֶער חִילוּק צְווִישְׁן אוּנְז אִיז אַז דוּ וֵוייסְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דוּ נוּצְט עֶס אָבֶּער נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס דִי עֵצוֹת אוּן אִיךְ נוּץ עֶס"; אַז דוּ וֶועסְט נוּצְן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין אַנְדֶערְשׁ, אַלֶעס וֶועט גֵיין כְּסִדְרָן.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר טְרָאגְן.

...

## מִיר לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צְנִיעוּת פוּן דִי דְרֵיי יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דָאס וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי פַּארְ'עַקְשְׁנְ'ט אַז

דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן גֵיין מִיט פִּידְזְשַׁאמֶעס; זֵיי וֶוילֶען צוּ זֵייעֶר טִיטְשֶׁער אַז זֵיי ווילְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג, זֵיי ווילְן נִישְׁט גֵיין מִיט הוֹיזְן; וָואס אִיז דִיר אַזוֹי ווִיכְטִיג זֵיי אָנְצוּטוּן הוֹיזְן?

מִיר לֶערְנֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צְנִיעוּת פוּן דִי דְרֵיי יָאר; הוֹיזְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז פְּרִיצוּת, הוֹיזְן פַאר אַ פְרוֹי אִיז עֶקְלְדִיג, גְרוֹילִיג, מִיאוּס אוּן נִישְׁט שֵׁיין; מִיר לֶערְנֶען דָאס מִיט דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוֵויז אָן. אוּנְזֶער וֶועג אִיז, ווִי אַזוֹי מִיר ווילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוֹיף דִי עֶלְטֶער – הֵייבְּן מִיר אָן פוּן דִי דְרֵיי יָאר; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דַוְקָא גֵיין פַארְקֶערְט?! אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ אוּן דַיין ווייבּ זֶענֶען אַזוֹי פַארְ'עַקְשְׁנְ'ט מִיט דֶעם.

פָאלְג עֶרְלִיכֶע אִידְן, גֵיי אִין דִי וֶועג פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; וַוארְף אַרוֹיס אַלֶע הוֹיזְן פוּן דַיינֶע טֶעכְטֶער. מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, עֶס אִיז נִישְׁט קְיוּט, עֶס אִיז נִישְׁט זִיס אוּן נִישְׁט שֵׁיין; זִיס אִיז אַ נַאכְט הֶעמְד, זִיס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז נָאךְ דִי חֲתוּנָה; וָואס זָאלְן דַיינֶע קִינְדֶער זֶען, אַ מַאמֶע מִיט הוֹיזְן? פֶּעךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי טִיטְשֶׁער זָאל זָאגְן פַאר דַיין טָאכְטֶער זִי זָאל דִיר פָאלְגְן, אִיךְ הָאבּ דִי בִּיסְל שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ צֶעמִישְׁן דַיינֶע טֶעכְטֶער; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דָאס בִּיסְל שֵׂכֶל הָאסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט, נִישְׁט צוּ צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער, נָאר אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מוֹסָד.

מִיר ווילְן מַאכְן אַ סְעוּדָה לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, אַ יָארְצַייט סְעוּדָה פַאר רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען, קוּם, לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

זַיי שְׁטַארְק מִיטְ'ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא.

...

## הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ וֶועט זַיין אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, מִשְׁפַּחַת ...; בִּיטֶע זֵיי מוֹדִיעַ זַיין אַז אִיר וֶועט מַאכְן דִי הָאר פַאר דִי מִשְׁפָּחָה בְּחִנָּם. אוֹיךְ, אוֹיב זֵיי מַאכְן דִי פָּנִים, וֶועט אִיר דָאס מַאכְן; מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז אִיר וֶועט הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה.

בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דָא נָאךְ דְרֵיי חֲתוּנוֹת; זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בֹּא - מִשְׁפַּחַת ... מִיט ...,  דִינְסְטָאג בֹּא - מִשְׁפַּחַת ... מִיט ... און מִיטְוָואךְ תְּרוּמָה - מִשְׁפַּחַת ... מִיט ....

אִיךְ הָאף אַז אִיר זָאגְט נָאךְ תְּהִלִּים אַזוֹי וִוי אַלְס מֵיידְל - נָאר מִיט אַן אַנְדֶערֶע טָאן, מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע נִיגוּן, אַ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה נִיגוּן.

...

## זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי יְשִׁיבָה; מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי יְשִׁיבָה הָאסְטוּ אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ.

זַיי שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט פַארְבְּרֶענֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

...

### אַ שְׁטֶעטְל בּוֹיט מֶען נִישְׁט מִיט עֲשִׁירִים נָאר מִיט תּוֹרָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְּחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ נוּצְט אוֹיס דִי יוּנְגֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הָאבְּן אִין אוּנְזֶער כּוֹלֵל אַזֶעלְכֶע פְלַייסִיגֶע אִינְגֶעלַייט ווִי דִיר.

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט נִישְׁט זַיין חַבְרוּתָא פַּארְטָאגְס, ווייל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט לֶערְנֶען מִיט אִים פַּארְטָאגְס, פוּן זֶעקְס אַזֵייגֶער בִּיז'ן דַאוֶוענֶען, גְמָרָא רַשִׁ"י תּוֹסְפוֹת; לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען מִיט אִים.

מִיט דַיין תּוֹרָה הֶעלְפְסְטוּ מִיר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל; אַ שְׁטֶעטְל בּוֹיט מֶען נִישְׁט מִיט עֲשִׁירִים, נָאר מִיט תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה".

...

### אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין "הַפָּצָה"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְּחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ הָאסְט גֶעכַאפְּט אַ קִיצְל פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל; דָאס הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעוָואלְט, מְחַזֵּק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין "הֲפָצָה".

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר הֲפָצָה, אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר וָואס צוּ טוּן; דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דֶעם "בֵּית הַדְּפוּס" אִין שְׁטֶעטְל, פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט ... אוּן ... נֵרָם יָאִיר, זֵיי הֶעלְפְן מִיר מִיט'ן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, טְרָאג זִיךְ אָן צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן. וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט זָאלְסְטוּ דְרוּקְן סְפָרִים; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִין מְקַרֵב זַיין דִי גְאוּלָּה.

לָאז מִיר ווִיסְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַ חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה אָדֶער גְמָרָא

אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ.

...

## דִי יָאר ׳כִּתָּה א׳׳ אִיז קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיג פַאר׳ן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר רוּפְן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, אִיךְ ווִיל הֶערְן אַ בַּארִיכְט פוּן חֵדֶר; אִיךְ ווִיל זַיין בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, אִיךְ ווִיל מִיטְהַאלְטְן ווִי דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען.

דִי יָאר ׳כִּתָּה א׳ אִיז קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיג פַאר׳ן לֶעבְּן, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע יָאר. דוּ טְרָאגְסְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אַחְרָיוּת אַז יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע קִינְד זָאל קֶענֶען גוּט דִי עִבְרִי, אַלֶע זָאלְן קֶענֶען לֵיינֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי זָאלְסְט זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, גוּט מוּטִיג, רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן. עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): ״וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד״, אַ מְלַמֵּד דַארְף שְׁלָאפְן גוּט; אַ מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט גֵיין אוּן קוּמֶען בַּיינַאכְט דָא אוּן דָארְט, מֶען דַארְף זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט צוּ דִי קִינְדֶער.

אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועט דִיר דִי גַאנְצֶע טָאג גֵיין אַנְדֶערְשׁ.

...

## בְּלַייבּ נִישְׁט אִין בֶּעט, אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט פַארְוָואס אוֹיפְצוּשְׁטֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; אִיךְ וֵוייס דַיין צַעַר וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר צוּ זַיין עֶלְנְד, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּאר דִיר אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ הָאסְט אַ שִׁידוּךְ, בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן.

קוּם אִין יְשִׁיבָה, שְׁטַארְק זִיךְ; לָאז נִישְׁט דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִיר. שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, גִיס אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, טַאנְץ אַרַיין אִין מִקְוֶה אוּן טוֹבֵל זִיךְ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּם אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּלַייבּ נִישְׁט לִיגְן אִין בֶּעט; אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִיבָּה פַּארְוָואס אוֹיפְצוּשְׁטֵיין, דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דוּ וַוארְטְסְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ - דָאךְ שְׁטַארְק זִיךְ. זָאג פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, דֶערְצֵייל אִים ווִי שְׁוֶוער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

## הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין מַיין צוּזָאג צוּ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער מְחוּתָּן, מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב ווִילְיַאמְסְבּוּרְג

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן בַּיי הַלֵּל "נְדָרַי לַה' אֲשַׁלֵּם", אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין מַיין צוּזָאג וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שְׁ'ס הִסְתַּלְקוּת, אַז אִיךְ וֶועל דְרוּקְן אוּן דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

עֶס דַארְף אָנְקוּמֶען יֶעצְט נָאךְ פִינְף טוֹיזְנְט סְפָרִים, אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק ב'; הֶעלְף מִיר גֵיין צוּם דְרִיטְן חֵלֶק, דָאס מַגִּיהַּ זַיין אוּן מְסַדֵּר זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע מַפְתְּחוֹת אַז

מֶען זָאל דָאס קֶענֶען דְרוּקְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן דִי בְּרִיוו וֶועט זֶען אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט פַּארְנוּמֶען, יֶעדֶע מִינוּט אִיז בַּיי דִיר אוֹיסְגֶענוּצְט; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי חֵדֶר, נָאכְדֶעם מְסַדֵּר זַיין דִי שִׁיעוּרִים און אִיבֶּערְטַייטְשְׁן קוּנְטְרֵסִים, דֶעם וֶועכְנְטְלִיכְן גִּלְיוֹן און נָאךְ הוּנְדֶערְטֶער זַאכְן, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר עֶנְדִיגְן דִי חֲלָקִים אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ, עֶס זָאל זַיין דָאס שֶׁענְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָּיךְ, וַוייל מִיט דִי חֲלָקִים אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס רֶעדְן און לֵיינֶען אִידִישׁ.

...

### אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען צוּ זַיין אַ סוֹפֵר סְתַּ"ם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי פַאךְ פוּן שְׁרַייבְּן, זַיין אַ סוֹפֵר סְתַּ"ם. מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִין דִי קְהִילָּה אַ סוֹפֵר, אָבֶּער דִי קְהִילָּה וַואקְסְט כֵּן יִרְבּוּ - דַארְפְן מִיר נָאךְ סוֹפְרִים.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווילְן מְזוּזוֹת און תְּפִילִין פוּן סוֹפְרִים וָואס פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, סוֹפְרִים וָואס הָאבְּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, סוֹפְרִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וָואס לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר קֶסֶת הַסּוֹפֵר, דוּ וֶועסְט דַארְפְן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל און זִיךְ דָאס פַּארְהֶערְן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַ קַבָּלָה צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת אִין פֶעלְד; דֶער שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ גַּן עֵדֶן הַתַּחְתּוֹן, מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער און וֶועלְדֶער.

...

## יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיר ווִילְט הָאבְּן דִי זְכוּת פוּן צַאמְשְׁטֶעלְן דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פַאר מוֹרֵנוּ רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דִי סְעוּדָה וֶועט פָּארְקוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, לֵיל שִׁישִׁי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת אִין יְשִׁיבָה.

לָאזְט מִיר ווִיסְן אוֹיבּ אִיר ווִילְט מִיר הֶעלְפְן, פְּרֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס ווִיל מַאכְן עֶפֶּעס לִכְבוֹד דִי סְעוּדָה.

אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן אוּן וָואס מִיר וֵוייסְן אִיז אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שע): ״מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען רֶבִּי נָתָן, וַוייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת פוּן מִיר״.

מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם צוּ גֵיין אִין רֶבִּי נָתָן׳ס וֶועג, וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

## אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם מְלַמֵּד קֶען מַאכְן דָאס קִינְד אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ; דוּ בּוֹיסְט אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דוּ שְׁטֶעלְסְט אַוֶועק אִידְן פַארְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן דוֹר, דוּ פְלַאנְצְט אַיין אִידִישְׁקַייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, נִישְׁט אַלֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הֶערְן אוֹיס, נִישְׁט אַלֶע פָאלְגְן; בֶּעט אִיךְ דִיר, פְּרוּבִּיר זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵייעֶר מַצָּב. דוּ הָאסְט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן אַזֶעלְכֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער הַשֵּׁם יְרַחֵם, דַיין תַּלְמִיד הַבָּחוּר ... הָאט שׁוֹין גֶעהַאט פִיר מַאמֶעס הַשֵּׁם יְרַחֵם, יֶעצְט אִיז זִי אוֹיךְ

אַנְטְלָאפְן, בַּאלְד קוּמְט אַ פִינְפְטֶע מַאמֶע; עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דִי צַעַר און יְסוּרִים פוּן אַזַא קִינְד. אֵיין גוּט וָוארְט, אֵיין שְׁמֵייכְל פוּנֶעם מְלַמֵּד קֶען אִים טְרָאגְן בִּיז עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר וַוייטֶער קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מָאנְטָאג וַיִּגַּשׁ וֶועט זַיין אַ חֲתוּנָה, דִי זִיבֶּעצְנְסְטֶ׳ע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אַלֶעס זָאל זַיין צוּגֶעשְׁטֶעלְט גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם.

...

## אִיךְ דַארְף הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל פַּארַאמֶעדִיקְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פְרֶעג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט זִיךְ לֶערְנֶען צוּ זַיין אַ פַּארַאמֶעדִיק; אוֹיבּ זִי אִיז מַסְכִּים ווִיל אִיךְ דוּ זָאלְסְט זִיךְ לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ וֶועל עֶנְק בֵּיידֶע בַּאצָאלְן דִי גַאנְצֶע קָאסְט.

אִיךְ דַארְף הָאבְּן אִין שְׁטֶעטְל פַּארַאמֶעדִיקְס; אִיךְ הָאף מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט דַארְפְן נוּצְן, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יז:) אַז מֶען טָאר נִישְׁט וואוֹינֶען אִין אַ שְׁטָאט וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא דָארְט אַ רוֹפֵא; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הַצָּלָה און פַּארַאמֶעדִיקְס.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִין שְׁטֶעטְל אַפָּאר אִינְגֶעלַייט פוּן חֶבְרָה הַצָּלָה; אִיךְ הָאף צוּ הָאבְּן זֶעקְס און דְרַייסִיג חֶבְרָה הַצָּלָה אִינְגֶעלַייט, כְּמִנְיַן ל״ו; מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, עֶר הָאט זֶעקְס און דְרַייסִיג הַצָּלָה לַייט אִין יַבְנְאֵל, עֶר רוּפְט זֵיי דִי ל״ו צַדִּיקִים וָואס לוֹיפְן אִין אַלֶע צַייטְן רַאטֶעוֶועְן אַנְדֶערֶע מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע לִימוּד, עֶס נֶעמְט אַפָּאר יָאר, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנִיֶע צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶועְן אַ נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל.

דָאס קֶענְסְטוּ נִישְׁט טוּן נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳.

...

## כֹּחַ הַצַּדִּיק, נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג, נָאר גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָאנְטָאג וַיִּגַּשׁ אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, לָאז מִיר וִויסְן אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט אַרַיין אוּן אוֹיבּ דוּ פִירְסְט דִי חֲתוּנָה.

לָאז וִויסְן דִי מְחוּתָּנִים אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּרוֹי צוּ מַאכְן דִי פֶּנִימְ׳עֶר וְכוּ׳ - בְּחִנָּם. אִיךְ הָאבּ בַּאצָאלְט פַאר אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידוֹת זִי זָאל זִיךְ לֶערְנֶען דִי פַאךְ בִּתְנַאי אַז זִי וֶועט דָאס טוּן בְּחִנָּם פַאר דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה.

אַלֶע רֶעדְן פוּן חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג, אַלֶע מַאכְן אַסִיפוֹת; מֶען שְׁרַייבְּט, מֶען רֶעדְט - אָבֶּער גָארְנִישְׁט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה. דֶער מַאכְט אַ כֹּחַ הַיָּחִיד, אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אַ כֹּחַ הָרַבִּים אוּן אַ דְרִיטֶער מִיט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען.

מִיר הָאבְּן כֹּחַ הַצַּדִּיק - דֶער כֹּחַ פוּן מוֹהֲרַא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי זִיבֶּעצְנְסְטֶע חֲתוּנָה, נִישְׁט בִּילִיג - נָאר גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם; עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר דִי מְחוּתָּנִים, יֶעצְט וֶועט נִישְׁט קָאסְטְן אֲפִילוּ דִי זַייטִיגֶע זַאכְן - דִי הָאר פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן פַאר דִי וָואס מַאכְן דִי פָּנִים וְכוּ׳.

לָאז מִיר וִויסְן דַיינֶע פְּלֶענֶער.

...

## מֶען קֶען זִיצְן אוֹיפְ׳ן בָּאס אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דַּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט פַארְשֶׁעמְט דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, קֵיינֶער הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט בַּאוִויזְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אוֹיפְ׳ן בָּאס.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִינְמִיטְן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט זַיי זָאלְן זֶען אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אוּן זַיין אַ בָּאס דְרֵייוֶוער אִינְאֵיינֶעם, מֶען קֶען זִיצְן אוֹיפְ׳ן בָּאס אַגַאנְצְן טָאג אוּן

לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן: סְ׳י דְ׳י עֶל׳ (דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי לֵייסֶענְס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ קֶענֶען פִירְן אַ בָּאס) אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת סֵ׳דֶר דֶ׳רֶךְ הַלִ׳ימוּד; מֶען קֶען זַיין אַ סְ׳י דְ׳י עֶל׳ דְרַייוֶוער אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ׳ן סֵ׳דֶר דֶ׳רֶךְ הַלִ׳ימוּד קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט פוּן וֶוען מֶען דַארְף מַקְפִּיד זַיין אָפְּצוּגִיסְן דִי קִינְדֶער "נֶעגְל וַואסֶער"; זָאג אִיר אַז בַּיי אוּנְז גִיסְט מֶען אָפּ פוּנֶעם גֶעבּוֹירְן.

...

## אִין אָנְהֵייבּ רוֹדְפְ׳ט מֶען, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען נַחַת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ זֶע דִיר מִיט אַ חוּמָשׁ, מִיט אַ סֵפֶר – הָאבּ אִיךְ אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן דִיר.

יֶעצְט הֶער אִיךְ דַיין שְׁוִויגֶער אִיז מוֹדֶה, זִי זָאגְט אַז דִי מֶערְסְטֶע נַחַת הָאט זִי פוּן עֶנְקֶער מִשְׁפָּחָה.

אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִין אָנְהֵייבּ רוֹדְפְ׳ט מֶען, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען הֶערְט, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען דָאס מֶערְסְטֶע נַחַת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין בַּיים יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי נָתָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג בַּיי דִיר אוּן בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

וָואס דוּ דַארְפְסְט - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נוּץ דַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּ אִים, רֶעד צוּ אִים אוֹיף דַיין פָּשׁוּטְ׳עֶ שְׁפְּרַאךְ. רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, אַ גוּטֶער פְרַיינְט; בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ וֶועט זַיין דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן מוֹרֵנוּ רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִין יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

...

## נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ טִיטְשֶׁער זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִיטְשֶׁער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ טִיטְשֶׁער זָאל זִיךְ גְרוֹיסְן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִיטְשֶׁער, אִיךְ דַארְף נִישְׁט בַּיי מִיר אִין מוֹסָד אַזַא זַאךְ; אִיר זֶענְט חָשׁוּב בַּיי מִיר אַזוֹי וִוי אַלֶע טִיטְשֶׁערְס.

אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט צְוֵוייטְקְלַאסִיג זָאלְט אִיר דָאס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט מָרַת ... תְּחְיֶ׳, זִי אִיז אַ גֶעטְרֵייעֶ פְרוֹי; זִי אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, זִי פָּאלְגְט, זִי וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ ווִיל אוּן ווִי אַזוֹי דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ פִירְן.

טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער: ״אַ מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת! אַ מְחַיֶ׳ צְנִיעוּת! אַ מְחַיֶ׳ אִיךְ הָאבּ ׳לִיבּ׳ צְנִיעוּת״.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִּי שֶׁעפֶּעלֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט בַּא׳עַוְלָה׳ט וֶוערְן פוּן דִּי שְׁטַארְקֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ; אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיינִיג, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע.

...

## אִיךְ הָאףּ דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין צוּ דַּיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אַ צַדֶיקֶת; אִיךְ הָאף דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין צוּ אִיר, דוּ בִּיסְט אִיר מְכַבֵּד.

גֶעדֶענְקְסְט בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אֵיינֶער אַלֵיינְס? גֶעדֶענְקְסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר גֶעוֶוען? גֶעדֶענְקְסְט דִּי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט אוּן גֶעפְלַאקֶערְט? זִיכֶער גֶעדֶענְקְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט, וִוי קֶען מֶען גֶעדֶענְקֶען...? אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הוּנְגֶערְט, אֵיינְמָאל עֶר טְרֶעפְט עֶסְן - פַארְגֶעסְט עֶר זַיין פַּיין פוּן אַמָאל.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד, הִיט דַּיינֶע אוֹיגְן; קוּק נִישְׁט אוֹיף פְּרֶעמְדֶע אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן פְּרֶעמְדֶע, אַלֶעס אִיז דִּמְיוֹנוֹת. דוּ הָאסְט דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דָאס שֶׁענְסְטֶע, הַאלְט אִיר טֵייעֶר.

...

## הִיט דִּי הֲלָכוֹת, אַז נִישְׁט כַאפְּט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ב׳ טֵבֵת, ז׳ דְּחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין דֶערְצִיטֶערְט פוּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן.

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הִיטְן דִּי הַרְחָקוֹת וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ פוּן

הִימְל; הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר זִיךְ צוּ הִיטְן אִין דִי צַייטְן, אִיךְ צִיטֶער פַאר דַיין לֶעבְּן אוּן פַאר דַיין וַוייבּ׳ס לֶעבְּן. הָאסְט יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן שׁוֹין יֶעצְט בִּיסְטוּ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן אוּן אוֹיף דַיין וַוייבּ׳ס לֶעבְּן, הִיט דִי הֲלָכוֹת, הִיט דִי הַרְחָקוֹת, אַז נִישְׁט כַאפְּט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת יג.): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי קֶען זַיין מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ל, כ): ׳כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ׳, וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?!" "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּיז אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן כִּמְעַט אַלֶע הֲלָכוֹת אוֹיסֶער אֵיינְצֶעלֶע זַאכְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע׳הַרְגֶ׳עט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

...

## וָואס פַאר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לִכְבוֹד חֲנוּכָּה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ. קוּק אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט עֶנְק; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּעפָאר׳ן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן

רֶבִּי׳ן, מִיר זָאלְן אַלְץ זַיין דַאנְקְבַּאר.

דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם מִיט אִיר דָאקְטֶער; זִי אִיז גֶערֶעכְט, נֶעם אִיר צוּ אַן אַנְדֶערֶע דָאקְטֶער, אַ פְּרוּיעֶן דָאקְטֶער, אַזוֹי וֶועט זִי זַיין בַּאקְוֶועם.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס פַאר אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לְכָבוֹד חֲנוּכָּה; מִיר פַּסְקְ׳עֶנֶען כְּשִׁיטַת בֵּית הִלֵּל, מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ. מֶען דַארְף אַלְץ גֵיין מֶער און מֶער, נִישְׁט זִיךְ בַּאגְנוּגְן מִיט דִי אַלְטֶע שִׁיעוּרִים.

...

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זַיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן הַיינְט און ווייטֶער נִישְׁט אוֹיסְטוּן אֵייעֶר טִיכְל אִינְדֶערְהֵיים, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זַיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה, מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - בַּאקוּמְט מֶען זֵייעֶר פִיל גוּטְס, מֶען וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט זֶרַע בֵּרַךְ הַשֵּׁם.

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג; מַאכְט יֶעצְט דִי גוּטֶע קַבָּלָה אַז אַייעֶר קָאפּ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין צוּגֶעדֶעקְט, וֶועט אִיר זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת זָאלְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט; עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס זָאגְן. אִיר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט זֵיי, אִיר הָאט אַ מַאן, אַ טֵייעֶרֶער מַאן. עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט, עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער, עֶר הָאט לִיבּ אֵיידְל, עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס אִיז טַאקֶע שֵׁיין.

...

## בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיוּת אִין דִי אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בְּרֶענְג אַרַיין חַיוּת אַ אִין דִי אִינְגֶעלַייט; זֶע עֶס זָאל זִיךְ לֶעבְּן אִין שְׁטֶעטְל, וֶוען דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַיֶּ׳ זַיין. עֶס אִיז דָא אַמָאל אֵיינֶער אִין אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע גֶעמִיט, אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער אוּן מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל, מִיט אַ טֶענְצְל, מִיט אַ וֶוערְטְל, מִיט אַ גוּט וָוארְט - קֶען מֶען יֶענֶעם אוֹיסְהֵיילְן.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן וַוייסְט מֶען גָארְנִישְׁט, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז יֶענֶעם גֵייט גוּט, יֶענֶער הָאט גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, יֶענֶער הָאט פַּרְנָסָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען קֶען נָאךְ יֶענֶעם מְקַנֵּא זַיין, אָבֶער אִינֶעוֵוייניג אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע בִּילְד; נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, נִישְׁטָא קַיין פַּרְנָסָה, נִישְׁטָא קַיין שִׂמְחַת הַחַיִּים.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טוּ מַיין ווִילְן; זַיי מְחַיֶּ׳ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רֶעד צוּ זֵיי.

...

## אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק צְווִישְׁן סְפַרְדִ׳ישֶׁע אוּן אַשְׁכְּנַזִ׳ישֶׁע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ לֵיין יֶעדֶע וָואךְ דִי בְּרִיווּ פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, דוּ בִּיסְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מְתַרְגֵּם; עֶס לֵיינְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דֶעם. שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

פָארִיגֶע וָואךְ אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִיווּ אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אִין דִי בְּרִיווּ שְׁטֵייט: ״מוֹהֲרָא״שׁ פְּלֶעגְט זִיךְ בַּארִימֶען פַאר אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע: ׳אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטָאט פוּן טֵייעֶרֶע סְפַרְדִ׳ישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס אַלֶע שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר׳״; אִין אִידִישׁ וֶוען מֶען זָאגְט ״טֵייעֶרֶע סְפַרְדִ׳ישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת״

- הֶערְט זִיךְ דָאס שֵׁיין, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז וֶוען דוּ בִּיסְט דָאס מְתַרְגֵּם זָאלְסְטוּ שְׁרַייבְּן דִי שֶׁענְסְטֶע וֶועג אוֹיף דִי סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן, מֶער פָּארְזִיכְטִיג.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא וָואס קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ זִלְזוּל אוּן בִּיטוּל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אֶפְשָׁר שְׁרַייבּ מִשְׁפָּחוֹת פוּן עֵדוֹת הַמִּזְרָח, סְפַרְדִ׳ישֶׁע טֵייעֶרֶע אִידְן; עֶס זָאל זִיךְ לֵיינֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס כָּבוֹד. בַּיי תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁטָא קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן אַשְׁכְּנַזִ׳ישֶׁע אִידְן אוּן דִי טֵייעֶרֶע סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וֵויינֶען אוֹיף מַחֲלֹקֶת, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: ״דֶער גַאנְצֶער גָלוּת אִיז אַז עֶס אִיז דָא פֵּירוּדִים צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער״; דִי אַשְׁכְּנַזִּים ווילְן נִישְׁט דִי סְפַרְדִים, אוּן צְוִוישְׁן זִיךְ אִיז מֶען אוֹיךְ צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי סְפַרְדִים, צְוִוישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ פַיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: ״מִיר זֶענֶען אַלֶע אוֹיף אֵיין שִׁיף, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם מַאכְן לֶעכֶער אִינֶעם שִׁיף אוּן ווילְן אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם דֶערְטְרֶענְקֶען, דַארְפְן מִיר זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן״.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט בַּאווִיזְן אַ חִידוּשׁ אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטָאט יַבְנְאֵל, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אֲפִילוּ מֶען שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּנֶעם זֶעלְבְּן אָפְּשְׁטַאם. אוֹיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס קִיבּוּץ הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעמַאכְט אַז סַיי אַשְׁכְּנַזִ׳ישֶׁע אִידְן אוּן סַיי סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן פוּן אַלֶע עֵדוֹת - זָאלְן קֶענֶען דַאוֶונֶען אוּנְטֶער אֵיין דַאךְ. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זִינְגֶען דִי סְפַרְדִ׳ישֶׁע פִּיּוּטִים; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַחֲזֶה הוֹד צוּ זֶען ווִי אַלֶע זִיצְן צוּזַאמֶען, סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן זִיצְן אוּן הֶערְן ווִי מִיר זָאגְן אוּנְזֶערֶע שְׁטִיקְלֶעךְ בַּיים דַאוֶוענֶען - ׳וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף׳, ׳לָקֵל עוֹרֵךְ דִּין׳, ׳וְכֹל מַאֲמִינִים׳, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אוּנְז, אוּן מִיר פְלֶעגְן אוֹיסְהֶערְן ווִי דִי סְפַרְדִ׳ישֶׁע אִידְן זִינְגֶען זֵייעֶרֶע שְׁטִיקְלֶעךְ, ווִי לְמָשָׁל: ׳עֵת שַׁעֲרֵי רָצוֹן׳, ׳בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר׳, וָואס דָאס אִיז בַּיי זֵיי זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי ווִי בַּיי אוּנְז ׳וּנְתַנֶּה תוֹקֶף׳.

בַּיים רֶבִּי׳ן קֶענֶען אַלֶע זַיין אִינְאֵיינֶעם, עֶס אִיז דָא פְּלַאץ אִין הַארְץ פַאר אַלֶעמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג, פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס): ״עֶס אִיז דָא אַ בּוֹים וָואס אוּנְטֶער יֶענֶעם בּוֹים וואוֹינֶען אַלֶע סָארְט חַיּוֹת, אוֹיךְ אַלֶע פֵייגְלֶעךְ הָאבְן זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן אוֹיף יֶענֶעם בּוֹים, אוּן דֶער תַּעֲנוּג וָואס דָארְט אִיז דָא - אִיז עַד אֵין שִׁיעוּר״; אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין

(יְשַׁעְיָה יא, ו): "וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ", דֶער וָואלְף מִיטְ'ן לֶעמֶעלֶע דֶער לֶעמְפֶּערְט מִיטְ'ן צִיגֶעלֶע - וֶועלְן זִיצְן צוּזַאמֶען, "וְעֵגֶל וּכְפִיר וּמְרִיא יַחְדָּו, וְנַעַר קָטֹן נֹהֵג בָּם", אַ יוּנְגֶע קַאלְבּ מִיט אַ יוּנְגֶע לֵייבּ וֶועלְן גֵיין צוּזַאמֶען, "וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן, וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן", דֶער קוּה מִיטְ'ן בֶּער וֶועלְן צוּזַאמֶען פַּאשֶׁען, דֶער לֵייבּ וֶועט עֶסְן שְׁטְרוֹי צוּזַאמֶען מִיט דִי בְּהֵמוֹת, "וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן, וְעַל מְאוּרַת צִפְעוֹנִי גָּמוּל יָדוֹ הָדָה", קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט גִיפְטִיגֶע שְׁלַענְג, "לֹא יָרֵעוּ וְלֹא יַשְׁחִיתוּ בְּכָל הַר קָדְשִׁי", קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן, וַוייל עֶס וֶועט זַיין: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", אַלֶע וֶועלְן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

דֶער בּוֹים - דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקּוּנֵי זוֹהַר (תִּיקּוּן נב): "עֵץ דָא צַדִּיק", דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ בּוֹים; אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דִי מְרַגְּלִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן קוּקְן (בַּמִּדְבָּר יג, כ): "הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן", זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): "אִם יֵשׁ אָדָם כָּשֵׁר לְהָגֵן עֲלֵיהֶם", זֵיי זָאלְן קוּקְן אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס קֶען מֵגֵן זַיין אוֹיף זֵיי; בַּיים צַדִּיק אִיז דָא פְּלַאץ פַאר אַלֶעמֶען.

וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ קֶען מֶען זֶען וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען; עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַלֶע סָארְט חַיוֹת אוּן פֵייגְל אוּן קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן מִיט אַ בִּיטוּל, קֵיינֶער הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן, רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר וויי, אִיךְ הֶער אוֹיף דִיר נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; דוּ זִיצְט אָפּ גַאנְצֶע נֶעכְט מִיט בָּחוּרִים אִין מִקְוֶה, דוּ דְרֵייסְט זִיךְ מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן פוּן מֵיידְלֶעךְ.

דוּ הָאסְט זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶר טַאטֶע, דַיין טַאטֶע אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, דַיין זֵיידֶע נָאךְ וֶועם דוּ הֵייסְט הָאט גֶעקֶענְט גַאנְץ הִלְכוֹת שַׁבָּת בַּעַל פֶּה; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר פִּיל צַעַר אוּן וֵוייטָאג צוּ הֶערְן אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין דִי וֶועגְן, דוּ גֵייסְט אַ נֵייעֶם וֶועג.

בִּפְרַט אַז דוּ דַארְפְסְט אַ חָתָן וֶוערְן דַארְפְסְטוּ דָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין נָאמֶען; קֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער אַ בָּחוּר וָואס זִיצְט גַאנְצֶע נֶעכְט אִין מִקְוֶה אוּן רֶעדְט פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְבֶּעסֶערְן וֶועל אִיךְ דִיר פַארְשִׁיקְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר מַדְרִיךְ גֶעוֶועןְ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי יְשִׁיבָה, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי יְסוֹדוֹת; אוֹיבּ בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה זָאל אִיךְ זֵיי פַארְשִׁיקְן.

ווִי צֶעבְּרָאכְן אַ בָּחוּר אִיז, ווִי שְׁטַארְק עֶר שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת בַּארֶעכְטִיגְט עֶס נִישְׁט דָאס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. נִיבּוּל פֶּה; רֶעדְן פוּן מֵיידְלֶעךְ, פוּן בָּחוּרִים - בְּרֶענְגְט צָרוֹת, עֶס בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן הַבָּחוּר הַשִּׁיכּוֹר ... וָואס שְׁלֶעפְּט דִיר גַאנְצֶע נֶעכְט אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע מְנֻוָּלִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר.

...

## אַז דוּ רֶעדְסְט נִיבּוּל פֶּה, קוּם נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ג׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הֶער פוּן בָּחוּרִים אַז דוּ רֶעדְסְט נִיבּוּל פֶּה.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה; דִי יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ גֶעבּוֹיט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיךְ וִויל עֶס הַאלְטְן הֵיילִיג.

...

## חַבֶר׳ט אַייךְ מִיט פְרֵיילִיכֶע חַבֶר׳טֶעס, וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין אַזוֹי דֶערשְׁרָאקְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אַייעֶר מַאמֶע הָאט מִיר גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אַייךְ בַּארוּאִיגְן; אִיר זֶענְט דֶערשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט פוּן דִי נֵייעֶ וַואקְסִין, אִיר רוּפְט אַהֵיים אַגַאנְצֶן צַייט זִיכֶער מַאכְן אַז מֶען גֵייט נִישְׁט נֶעמֶען דִי נֵייעֶ וַואקְסִין קֶעגְן קָארָאנֶע. אַייעֶר מַאמֶע דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אַייעֶר חַבֶר׳טֶע ... רֶעדְט אַייךְ אֵיין דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חֲלוֹמוֹת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט דֶערבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן; דִי חַבֶר׳טֶע אִיז אַ צֶעבְרָאכֶענֶע מֵיידֶל, זִי לִיגְט אִין בֶּעט אַגַאנְצְן טָאג, זִי טוּט גָארְנִישְׁט מִיטְ׳ן טָאג, פוּן דֶעם אִיז זִי נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, יֶעצְט וִויל זִי אַייךְ אוֹיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, פוּן פוּסְטֶע חֲלוֹמוֹת.

דִי דֶערבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן - דִי הָאבְּן חַיוֹת פוּן שְׁרֶעק אוּן דִמְיוֹנוֹת, זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוֹת אִיז פוּן זִיךְ פַּיינִיגְן אוּן טְרַאכְטְן: ׳נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט דִי וֶועלְט אוּנְטֶערְגֵיין׳, ׳נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן אַלֶע מֶענְטְשְׁן שְׁטַארְבְּן׳, ׳נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען אַלֶעמֶען פַאר׳סַמ׳עֶן׳, ׳נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן דִי רַייכֶע מֶענְטְשְׁן שׁוֹלֵט זַיין אוֹיף דִי בַּאפֶעלְקֶערוּנְג׳, ׳דִי וַואקְסִין אִיז צוּ פַאר׳סַמ׳עֶן דִי וֶועלְט׳ - אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ חַבֶר׳ן מִיט פְרֵיילִיכֶע מֵיידְלֶעךְ; אַ מֵיידְל וָואס לִיגְט אַגַאנְצְן טָאג אִין בֶּעט אוּן טוּט גָארְנִישְׁט, אֵיין זַאךְ טוּט זִי, קוּקְט אוּן

קוּקְט מָאוִיס - דִי זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, אַז אִיר וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט מִיט אַזַא חַבְרְ'טֶע וֶועט אִיר אוֹיךְ וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן.

נֶעמְט זִיךְ חַבְרְ'טֶעס פוּן בֵּית פֵיגָא, חַבְרְ'ט זִיךְ מִיט פְרֵיילִיכֶע מֵיידְלֶעךְ, מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען אֵייבֶּערְשְׁטֶער - וֶועט מֶען אַייךְ נִישְׁט קֶענֶען אַיינְרֶעדְן דִי נַארִישְׁקֵייטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק יג) - וֶוען דֶער שְׁלַאנְג הָאט גֶעוָואלְט אַיינְרֶעדְן אָדָם הָרִאשׁוֹן עֶר זָאל טוּן דִי עֲבֵירָה - עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: 'אָדָם הָרִאשׁוֹן וֶועט מִיר דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, עֶס אִיז שְׁוֶוער אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַ מַאן; אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ חַוָּה, אִיךְ וֶועל אִיר אַיינְרֶעדְן אוּן זִי וֶועט מִיר זִיכֶער אוֹיסְהֶערְן, 'שֶׁהַנָּשִׁים נִשְׁמָעוֹת לְכָל הַבְּרִיּוֹת''. וַוייל פְרוֹיעֶן הֶערְן אוֹיס אַלֶעמֶען; פְרוֹיעֶן קֶען מֶען גְרִינְג פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט, דִי פְרוֹיעֶן כַאפְּן זִיךְ צוּ צוּ דִי אַלֶע פַאנְטַאזִיעֶס וְכוּ'.

זָאגְט פַאר אַייעֶר חַבְרְ'טֶע אַז לִיגְן אִין בֶּעט טָאג אוּן נַאכְט אוּן גָארְנִישְׁט טוּן - דָאס אִיז אַ סַכָּנָה, דָאס מַאכְט מֶען זָאל שְׁטַארְבְּן, קוּקְן טָאג אוּן נַאכְט מָאוִיס - דָאס אִיז שֶׁעדְלִיךְ, דָאס מַאכְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה ב, טז): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרֶם וִוינְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער, אוּן אַ שִׁיף אִיז פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיין אִיד מִיט אַסַאךְ גוֹיִם, וֶוען דֶער שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דֶעם אִיד עֶר זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער אִיד זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אִיךְ בִּין דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז אִיר אַלֶע קוּמְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְּן אַלֶע גוֹיִם אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁרֶעקְט אַייךְ נִשְׁט, זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ..., גַבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט נִשְׁט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִשְׁט פַארְקוֹיפְן קַיין עֲלִיּוֹת, מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִשְׁט צוּזָאגְן גֶעלְט בַּיים עוֹלֶה זַיין לַתּוֹרָה ווַייל אוֹיבּ מֶען שְׁנָאדֶערְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִשְׁט - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ אִין אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיבֶּער דִי וֶועלְט, מֶען זָאגְט "בַּעֲבוּר שֶׁיִּתֵּן צְדָקָה בְּלִי נֶדֶר", אָבֶּער מֶען זָאגְט נִשְׁט וויפִיל.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה פַארְקוֹיפְט מֶען אוֹיךְ דִי עֲלִיּוֹת; מִיר פַארְקוֹיפְן דִי עֲלִיּוֹת דוּרְכְאוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג ווַייל דֶעמָאלְט ווילְן מֶענְטְשְׁן עוֹלֶה זַיין, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס עֶס קוּמְט אַרַיין גֶעלְט פַאר'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. וֶועכְנְטְלִיךְ פַארְקוֹיפְן מִיר נִשְׁט, אָבֶּער אַז אִיר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיטְ'ן אוֹיפְהַאלְטְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קֶענְט אִיר פַארְקוֹיפְן דִי עֲלִיּוֹת, אַזוֹי וֶועט זַיין אַ שְׁטִיקֶל הַכְנָסָה, מֶען וֶועט קֶענֶען דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אִין יְרוּשָׁלַיִם דִי וֶוערְטֶער:

שְׁרֶעקְט אַייךְ נִשְׁט פוּן קֵיינֶעם, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ. צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט בַּאדַאנְקֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן, פוּן אַלֶע קְהִלּוֹת אוּן פוּן אַלֶע חֲצֵרוֹת, אַלֶע נֶעמֶען דִי גַאנְצֶע חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן. זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה אֱלֹקִים, אַנְטְקֶעגְן דֶעם אִיז דָא דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס וִויל דָאס שְׁטֶערְן - הָיָ' לֹא תִהְיֶה, יֶעצְט אִיז דָא אַפָּאר מִשְׁפָּחוֹת פוּן שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים, מַמָשׁ גֶעצֵיילְטֶע, צְוֵויי מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵיי זוּכְן ווי אַזוֹי מֶען קֶען פַארְמַאכְן אוּנְזֶער נֵייעֶם שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר פַיינְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זֵיי קֶענֶען נִשְׁט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען צוּ זֶען וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ טוּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעזַאלְצְן אִין זֵייעֶר ווִינְקֶל בְּשָׁעַת וֶוען מוֹהֲרַ"אשׁ נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס חִיזּוּק; יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע מִינוּט דְרוּקְט זִיךְ טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, כִּמְעַט אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

דְרוּקְט מֶען הַיינְט דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, דָאס וֶוערְט צֶעכַאפְּט בַּיי אַלֶעמֶען, זֵיי קֶענֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

זֵיי פְּרוּבִּירְן לֵייגְן דְרוּק אוֹיף גֶעוִויסֶע רַבָּנִים זֵיי זָאלְן שְׁרַייבְּן קֶעגְן אוּנְזֶער פְּלַאן; בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, אִיר דַארְפְּט זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג מַאכְן פוּן קֵיינֶעם אִין דֶער וֶועלְט, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער גֵיין אוּנְזֶער וֶועג, נָאכְגֵיין דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט צוּ טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער רַאטֶעוֶועןבָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ פוּן דִי הֶענְט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דִי אַלֶע זַאכְן פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר דִי זַאכְן; אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט הָאבְּן דִי כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

# פַאר קִינְדֶער

זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט

, וֶוען זַיין חַבֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הָאט



בעזהשי"ת

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

*אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער:*

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָנֶעם צְוֵויטְן.

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ. גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבֵר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט?" הָאט אִים זַיין חַבֵר גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִילִים פַאר מִיר"; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִילִים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִילִים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל תְּהִילִים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין חַבֵר אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין בֶּעסֶער, הָאט דֶער חַבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֵייל אוֹיס מַיין חַבֵר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֵר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חַבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִילִים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חַבֵר, אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גוּט, בִּיז דֶער חַבֵר אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז וָואס הֵייסְט זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם חוֹלֶה צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַז נִישְׁט זָאל מֶען נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן זָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ, אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה אַז בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וֶועט דֶער חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.